# פרשת שמות ט"ו - כ"א טבת תשפ"ב לפ"ק

***יום ראשון פרשת שמות***

**רבינו שליט"א** התפלל תפלת שחרית בבית המדרש טארניגראד. אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **יונתן לעפקאוויטש** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד בסנדקאות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**עס** שטייט די וואך אין די פרשה, ואלה שמות בני ישראל הבאים מצרימה, את יעקב איש וביתו באו (שמות א-א). עס שטייט אין **בעל הטורים**, אז דא איז דא א רמז אויף מצות מילה. 'ישראל הבאים' איז די ראשי תיבות און די סופי תיבות 'מילה'. יודען האבן מקיים געווען מצות מילה, ווען זיי זענען געקומען אויף מצרים, און זיי האבן נישט נאכגעלאזט פונעם קדושת הברית.

**און** דער פסוק ענדיגט, איש וביתו באו, זיי זענען אלע געקומען, איש וביתו, יעדער מיט זיין שטוב. לכאורה דאס שטייט שוין אויבן אין פרשת ויגש, אז יעקב איז געקומען מיט אלע זיינע קינדער, מיט די שבעים נפש. רש"י זאגט טאקע, אז ער וויל נאכאמאל אויסרעכענען די נעמען, הייבט ער אן ואלה שמות בני ישראל, אבער פארוואס גיט ער צו, איש וביתו, אז יעדער איז געקומען צוזאמען מיט זיין בית.

**עס** קען זיין, עס איז דא א ווארט פונעם **בעל שם טוב הק'**, מען געפונט ביי יעקב אבינו, בשעת ער איז געווען אויפן מקום המקדש, און ער האט געהאט די מראה וואס דער אייבערשטער האט אים געוויזן, והנה סלם מוצב ארצה, און אזוי ווייטער. ווען ער איז אויפגעשטאנען האט ער געזאגט, מה נורא המקום הזה, אין זה כי אם בית אלקים, וזה שער השמים (בראשית כח-יז). עס איז נישט עפעס אנדערש, נאר דער בית אלקים, און דאס איז דער שער השמים. האט זיך דער **בעל שם טוב הק'** געשטעלט, וואס איז די צוויי מאל 'זה'. אין 'זה' כי אם בית אלקים, 'וזה' שער השמים. עס וואלט געדארפט שטיין, אין זה כי אם בית אלקים ושער השמים. עס איז ביידע, דא איז דער בית אלקים און דער שער השמים.

**האט** ער געזאגט, אז די גמרא (שבת לא.) זאגט, חבל על דלית ליה דרתא, ותרעא לדרתא עביד. עס איז א שאד אויף איינעם וואס האט נישט קיין דירה, און ער מאכט א טויער פאר זיין דירה. אז מען האט א דירה, דארף מען האבן א טויער אריינצוגיין, אבער א טויער אן א דירה, האט נישט קיין פשט. די תורה הק' איז א טויער אריינצוגיין צו יראת שמים, תורה האט נישט קיין חשיבות, נאר אז מען לערנט תורה ערליך, על מנת לשמור ולעשות, ער לערנט כדי צו וויסן ווי אזוי זיך צו פירן, און צו זיין אפגעהיטן. ווען איינער האט נישט קיין יראת שמים, און ער לערנט תורה, האט ער די טויער, אבער די עיקר פעלט אים, די דירה האט ער נישט, ווייל די דירה, דאס איז דער יראת שמים. חבל על דלית ליה דרתא, ער האט נישט קיין דירה, אבער תרעא לדרתא עביד, אבער ער מאכט א טויער פאר די דירה.

**יעקב** אבינו איז ביז יעצט געזעסן און געלערנט, זיין עבודה איז געווען אין תורה. ער איז געזעסן אזויפיל יארן אין בית המדרש פון שם ועבר, ער איז שוין געווען א יוד פון עטליכע אכציג יאר. דריי און זעכציג איז ער געווען בשעת ער האט באקומען די ברכות, און נאך פערצן יאר איז ער געזעסן אין בית המדרש פון שם ועבר, ער איז געווען זיבן און זיבעציג יאר בשעת ער האט זיך ארויסגעלאזט אויף דעם וועג, אלץ איז ער געווען פארנומען נאר מיט תורה. דא האט זיך געעפענט פאר אים דער מקום המקדש, א געוואלדיגע יראת אלקים וואס איז אראפגעקומען אויף אים. ויירא ויאמר, ער האט באקומען א געוואלדיגע יראה, ער האט געזעהן די גרויסקייט פונעם אייבערשטען, און דעם שער השמים, די הימל. והנה מלאכי אלקים עולים ויורדים בו, האט ער אנגעהויבן משיג צו זיין, אז דער עיקר איז נישט תורה, דער עיקר איז יראת שמים. וואס דער פלאץ איז דער מקום פון יראת שמים, און וואו ער האט געלערנט, אין דעם בית המדרש פון שם ועבר, דאס איז נאר געווען די טויער אז מען זאל קענען צוקומען צו די דירה. אבער די ריכטיגע דירה איז דער פלאץ פונעם מקום המקדש, וואס דאס איז עבודת ה'.

**האט** ער געזאגט, אין 'זה' כי אם בית אלקים, דא איז דער בית אלקים, אבער 'וזה', וואו איך בין געווען ביז

יעצט, אין בית המדרש פון שם ועבר, דאס איז נאר דער 'שער השמים', דאס איז נאר די טויער אז מען זאל קענען אריינקומען צום בית אלקים. ביז יעצט האב איך געמיינט, אז דער בית אלקים איז אין בית המדרש, און איך בין געווואר געווארן, אז עס איז דא גרעסערס פון בית המדרש אויך, אז דער מקום פון יראת שמים שטייט העכער פון תורה. אין זה כי אם בית אלקים, דא איז דער בית אלקים, און וזה, וואו איך בין געווען ביז יעצט, דאס איז נאר דער שער השמים. על כל פנים, יראת שמים ווערט אנגערופן אז דאס איז דער בית.

**ווען** מען קומט אויף מצרים, דארף מען דאך האבן אסאך סייעתא דשמיא. מען האט געוואוסט אז מען גייט יעצט אראפ אין גלות, אין א ערות הארץ, און מען דארף זיך פירן ערליך. ביז יעצט זענען די שבטים געזעסן און געלערנט צוזאמען ביי יעקב אבינו, און זיי האבן פארשטאנען אז די עבודה פון יעצט אן דארף צו זיין, זיך אסאך אריינצולייגען אין יראת ה'. וויסן אז מען דארף מורא האבן צו טון א עבירה, מען דארף זיין אפגעהיטן, וואס דאס איז די עבודה פון 'בית'. איש 'וביתו' באו, יעדער האט מיט זיך מיטגעברענגט דעם בית. מען האט טאקע ביז יעצט עוסק געווען אין תורה, אבער יעצט איז די צייט וואס מען וועט נישט קענען אסאך לערנען, מען וועט זיין פארנומען מיט עבודת הפרך, דער גלות האט זיך אנגעהויבן, אבער דעם 'בית' דארף מען מיטנעמען. אפילו מען וועט זיך דרייען צווישן די מצריים, מען דארף זיין אויסגעמישט מיט זיי, פון דעסטוועגן דאך דארף מען זיך פירן ערליך.

**און** דאס איז דער 'ישראל הבאים', די קדושה פון מילה, דאס ברענגט אריין, אז א יוד, וואו ער גייט, און וואו ער שטייט, זאל ער זיך קענען פירן ערליך. ועל בריתך שחתמת בבשרנו, דעם ברית נעמט מען מיט מיט זיך וואו מען גייט. נישט אזוי ווי א אנדערע אות ווי תפלין, וואס א מענטש קען אנטון די תפלין, און ער קען אויסטון די תפלין. דאס איז א אות וואס איז צוגעבינדען צו א מענטש, צו לערנען, אז וואו מען איז, און וואו מען שטייט, דארף מען שטענדיג געדענקען זיך צו פירן ערליך. און דאס איז געווען דער איש וביתו באו, וואו מען איז געגאנגען האט מען מיטגעברענגט דעם בית.

*

בשעות הצהרים נסע **רבינו שליט"א** למאנסי והשתתף אצל הכינוס כל ישראל לאלפי ילדי התלמודי תורה במאנסי, שהתקיימם בבנין לייף פלעקס קאמפלעקס, בראשות גדולי אדמור"י ורבני העיר שליט"א, להתעורר ולהתחזק בחומה בצורה נגד פגעי הטעכנאלאגיע. **רבינו שליט"א** השמיע מדברות קדשו בדברי ברכה וחיזוק לאלפי ילדי התשב"ר.

***וזה תוכן הדברים:***

**טייערע** חשובע בחורים, טייערע חשובע קינדער, תינוקות של בית רבן, וואס זענען זיך צוזאמגעקומען דא מקדש צו זיין שם שמים. מען האט פריער ארויסגעברענגט די נסיונות וואס מיר האבן אין די היינטיגע צייטן, די שווערע מלחמה וואס אונז דארף מיר ביי-שטיין. דאס איז פון די שווערסטע זמנים וואס כלל ישראל האט געהאט. אין אלע יארן פון אונזער גלות, איז נישט געווען אזעלכע נסיונות ווי אונז גיי מיר יעצט אדורך. און מען איז זיך צוזאמגעקומען זיך מחזק צו זיין, און צו נעמען כוחות, אונז זאל מיר דאס קענען ווייטער אנהאלטן.

**בשעת** יודען זענען ארויסגעגאנגען צו א מלחמה, זאגט די תורה הק' (דברים כ-א), כי תצא למלחמה, ווען דו וועסט ארויסגיין אויף א מלחמה, וראית סוס ורכב עם רב ממך, און דו וועסט זעהן א געוואלדיגער פאלק קומט ארויס מיט א מלחמה אקעגן דיר, און דו וועסט מיינען אז דו האסט נישט די כוחות זיך צו קענען מתגבר זיין אויף די מלחמה. זאגט די תורה הק', לא תירא מהם, האב נישט קיין מורא, כי ה' אלקיך עמך, דער אייבערשטער גייט מיט דיר, דער אייבערשטער קומט מיט אונז צוזאמען פירן די מלחמה. הבא לטהר מסייעין אותו (שבת קד.), ווען א מענטש וויל זיך מטהר זיין, האט ער א סיוע פונעם אייבערשטען, אז דער באשעפער קומט מיט אים מיט צוזאמען.

**דער** כהן משוח, דער גענעראל וואס איז ארויסגעגאנגען פירן די מלחמה, האט געזאגט פאר יודען, שמע ישראל אתם קרבים היום למלחמה. זאגט רש"י, שמע ישראל, א יעדער יוד וואס זאגט קריאת שמע, ער זאגט שמע ישראל, האט ער דעם זכות אז ווען ער גייט ארויס צו די מלחמה, איז ה' אלקיכם ההולך עמכם וגו' להושיע אתכם, טוט דער אייבערשטער מיטגיין מיט אים. - מיר קומען זיך

צוזאם געקומען מקדש צו זיין שם שמים, מיר זענען מקבל אויף זיך עול מלכות שמים, ווי ביי יעדע מלחמה דארף מען האבן קבלת עול מלכות שמים. אין די זכות וואס אונז זאג מיר שמע ישראל, מיט דעם גייען מיר אהיים, מיר באקומען די כוחות אונז זאל מיר זיך קענען אקעגן שטעלן, און קענען געווינען די מלחמה. - עס איז א שווערע מלחמה, אבער מיר האבן סייעתא דשמיא! ווען א מענטש נעמט זיך פאר, אז ער וויל גיין אין דעם ריכטיגן וועג, האט ער די כוחות ער זאל קענען צוקומען דערצו.

**די** חשובע קינדער זענען די חשוב'סטע וואס איז דא אין כלל ישראל! אין העולם מתקיים, די וועלט האלט זיך נישט, אלא בזכות תינוקות של בית רבן, נאר אין ענקער זכות איז דא קיום העולם, וואס די וועלט שטייט. די גמרא (שבת קיט:) זאגט, אז רב פפא האט געזאגט פאר אביי, אויף זיי שטייט די וועלט, און אויף אונזער תורה שטייט נישט די וועלט? האט ער אים געענטפערט, ניין, די וועלט שטייט אויף זיי, ווייל עס איז הבל פיהם של תינוקות של בית רבן שאין בהם חטא. וואו עס איז נישט דא קיין חטא, דארט איז דא קיום התורה.

*

**איך** וויל צו ענדיגן מיט א תפלה וואס דוד המלך האט געזאגט און געבעטן פונעם אייבערשטען, עס איז דא א קאפיטל אין תהלים (יב-ז) ווי ער רעכנט אויס די חשיבות פון תורה, אז אמרות ה' אמרות טהרות, אז דעם אייבערשטען'ס תורה איז ריינע ווערטער פון תורה, מזוקק שבעתים, מען קען דרשנ'ען די תורה אויף ניין און פערציג אופנים, זיבן מאל זיבן. זאגט רש"י אויפן פלאץ, דוד המלך האט זיך אומגעקוקט אין זיין דור, ער האט געזעהן א דור פון רשעים. און ער האט זיך אומגעקוקט אויף קינדער אין חדר, און ער האט געזעהן ווי זיי זענען ערליך, ער האט געזעהן ווי אזוי זיי קענען לערנען, אז יעדעס קינד, זאגט רש"י, האט געקענט דרשנ'ען ניין און פערציג אופנים אין תורה. און ער האט זיך אומגעקוקט, ווי אזוי וועלן די קינדער זיך קענען האלטן אין אזא דור, ווי עס איז געווען ביי אים. האט ער מתפלל געווען צום אייבערשטען, און ער האט געזאגט, 'אתה ה' תשמרם', רבונו של עולם היט זיי אפ, 'תצרנו מן הדור זו לעולם', היט זיי אפ, זיי זאלן נישט אויסקוקן אזוי ווי דער דור.

**מיר** לעבן אין זייער א שווערן דור, מיר זענען מתפלל און מיר בעטן צום אייבערשטען, דער באשעפער זאל אונז געבן די כוחות, תצרנו מן הדור זו לעולם, **אז מען געוואוינט זיך צו אין די יוגענט צו געוויסע גדרים און סייגים, דאס בויט אויף דעם מענטש ער זאל קענען שפעטער עומד זיין.** עס ווארט א שווערע וועלט פאר דעם דור אדורכצוגיין, וויפיל כוחות אונז וועל מיר נעמען ביי אונז אין די יוגענט, אונז זאל מיר זיך קענען מתחזק זיין, מיט דעם וועלן מיר קענען האבן די כוחות פון תצרנו מן הדור זו לעולם.

**מען** האט פריער געהערט, מען גייט צוריק אין חדר, און יעדער וועט מקבל זיין אויף זיך וואס מען וועט פארלייגן. נישט זאגן אז עס איז שווער, איך קען נישט. נאר זאגן, **איך וויל מיר מאכן גדרים וסייגים, איך וויל זיין אן ערליך יודיש קינד אזוי ווי דער אייבערשטער פארלאנגט פון מיר. איך גיי ארויס אין די מלחמה, און איך וועל זיך אקעגן שטעלן, און איך וועל טון אלעס וואס איז אין מיין האנט, אז איך זאל קענען בלייבן ערליך.**

**זאל** דער אייבערשטער געבן די כוחות, עס זאל זיין אתה ה' תשמרם, דער באשעפער זאל ענק אפהיטן, עטץ זאלטס קענען וואקסן און שטייגן, און בלייבן מיט דעם הבל פה שאין בהם חטא. **מקבל זיין אויף זיך עול תורה, פלייסיג לערנען, יעדע פרייע צייט וואס מען האט. נישט זיין פארנומען מיט די גאס, נישט זיין פארנומען מיט קיין נייעס, נישט זיין פארנומען מיט אלע ענינים וואס מען גיט אוועק אזויפיל צייט דערויף. מקבל זיין אויף זיך צו לערנען, און אויסנוצען די צייט. מען קומט אהיים פון חדר, נעמען אויף זיך צו לערנען משניות, לערנען גמרא, אויסנוצן די צייט אויף תורה.** די תורה וועט אונז העלפן, אונז זאל מיר קענען גיין אין דעם ריכטיגן וועג.

**דער** אייבערשטער זאל געבן, אז עס זאל ארויסקומען פון דעם כינוס א אמת'דיגע כבוד שמים, עס זאל נתקדש ווערן דעם אייבערשטען'ס נאמען. און ווען אונז וועל מיר זאגן, שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד, זאלן מיר געדענקן אז דאס איז געווען וואס דער משוח מלחמה האט געזאגט פאר יודען, אז מיט דעם איז אתם קרבים היום למלחמה, דאס איז די

ערשטער וועג ארויסצוגיין אין די מלחמה, מקבל זיין אויף זיך עול מלכות שמים.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, עטץ זאלטס אויסוואקסן גרויסע תלמידי חכמים, ערליכע יודען, קענען נזהר זיין אין א יעדע קליינינקייט ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן. האבן די כוחות הנפש זיך צו קענען אקעגנשטעלן אפילו א גאנצע וועלט וועט זיך פירן אנדערש, איך וועל זיך פירן אויפן ריכטיגן וועג. זאל דער באשעפער געבן, ענקערע עלטערן זאלן זעהן ביי ענק אסאך יודיש נחת, און מיר זאלן זוכה זיין אלע אינאיינעם אקעגן צוגיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

*

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעור השבועי בשלחן ערוך (או"ח הל' ברכת הפירות סימן ר"י סעיף א') בבית מדרשנו בבארא פארק. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע העעל"ט.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**ווען** יעקב אבינו האט געבענטשט די קינדער, האט ער געבענטשט יוסף מיט די שענסטע ברכות, די מערסטע ברכות האט ער געגעבן פאר יוסף. בן פורת יוסף, בן פורת עלי עין, יוסף איז דער בן חן צווישן אלע זיינע קינדער. נאכדעם האט ער געבענטשט בנימין, בנימין זאב יטרף, בבוקר יאכל עד, ולערב יחלק שלל (בראשית מט-כב). טייטשט רש"י, אז דאס גייט ארויף אויף די בית המקדש וואס וועט געבויט ווערן בחלקו של בנימין. בבוקר יאכל עד, אזוי ווי א זאב וואס טוט פארציקן, און ער עסט אויף בהמות מיט בעלי חיים, די זעלבע האט די מזבח פארציקט אלע קרבנות וואס מען האט געברענגט. בבוקר יאכל עד, צופרי האט מען מקריב געווען די קרבנות, ובערב יחלק ישלל, בערב האט מען צוטיילט די קדשים צווישן די כהנים.

**אז** יוסף איז געווען די חשוב'סטע קינד, וואלט זיך געפאסט אז ווען מען דארף בויען א בית המקדש, זאל מען בויען דעם בית המקדש בחלקו של יוסף. און ער האט נישט אוועקגעגעבן דעם בית המקדש בחלקו של יוסף, די בית המקדש האט ער אוועקגעגעבן בחלקו של בנימין, פארוואס? פארוואס קומט זיך נישט אז דער בית המקדש זאל זיין בחלקו של יוסף, וואס ער איז די חשוב'סטע פון אלע.

**און** מען זעהט, בעפאר מען האט געבויט דעם בית המקדש בחלקו של בנימין, ירושלים איז בחלקו של בנימין, דארט האט מען געבויט דעם בית המקדש, פאר דעם איז געווען דער מקדש אין שילה, שילה איז געווען בחלקו של יוסף. עס שטייט די פאריגע וואך אין רש"י (בראשית מה-יד), ובנימין בכה על צואריו, ער האט געוויינט אויפן חורבן פון בית המקדש וואס איז בחלקו של בנימין, און בנימין האט געוויינט אויפן משכן שילה וואס איז בחלקו של יוסף. משכן שילה איז אויך געשטאנען כמעט אזוי לאנג ווי דער בית המקדש, דריי הונדערט און ניין און זעכציג יאר איז געווען דער משכן אין שילה, דאס איז יא געווען בחלקו של יוסף. אבער שפעטער דעם בית עולמים האט מען צוגענומען פון חלקו של יוסף, און מען האט עס אוועקגעגעבן פאר חלקו של בנימין. מוז דאך זיין אז אין בנימין איז געווען עפעס א מעלה וואס יוסף האט נישט געהאט.

**אין** די גמרא (שבת נה:) שטייט, ארבעה מתו בעטיו של נחש, עס איז דא פיר וואס זענען געשטארבן אפילו זיי האבן נישט געהאט קיין שום פגם אויף זיך, קיין שום עבירה, עס איז דאך אדם אין צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא (קהלת ז-כ), יעדער מענטש זינדיגט, יעדער מענטש פאלט מיט עפעס אדורך, ער האט נאר די מעגליכקייט תשובה צו טון און מתקן זיין, אבער בנימין איז קיינמאל נישט אדורכגעפאלן אין קיין חטא, ער איז נאר געשטארבן ווייל בשעת אדם הראשון האט געזינדיגט, האט מען גוזר געווען מיתה, אז יעדער מענטש מוז שטארבן, איז בנימין אויך געשטארבן. עס איז אינגאנצען געווען פיר אזעלכע מענטשן ביז די גמרא'ס צייטן. עס איז מסתבר אז פון דעמאלטס אן, איז זיכער נישט געווען אזא מענטש. די פיר זענען געווען, בנימין בן יעקב. נאכדעם איז געווען עמרם דער טאטע פון משה רבינו. נאכדעם איז געווען ישי דער טאטע פון דוד המלך. און א זון פון דוד, וואס האט געהייסן כלאב, איז אויך געווען פון די פיר. דאס מיינט, אז ביז בנימין, מען רעדט פון אדם הראשון, נח, אברהם, יצחק, יעקב, איז קיין איינער פון זיי

נישט געשטארבן בעטיו של נחש, עס זאל זיין אן א חטא. אלע, אפילו די אבות הק' האבן זיך אויך מיט עפעס פארזינדיגט. בנימין איז געווען דער איינציגסטער וואס האט נישט געהאט קיין שום חטא אויף זיך.

**אז** מען דארף השראת השכינה, דער אייבערשטער זאל רוען אויף א פלאץ, וואו איז דער מקום אז דער אייבערשטער זאל קענען משרה זיין זיין שכינה, ה' מי יגור באהלך מי ישכון בהר קדשך הולך תמים ופועל צדק (תהלים טו-א), נישט יעדער איינער קען זיין במחיצתו של מקום. האט דער אייבערשטער אויסגעקליבן, אז די מחיצה פונעם אייבערשטען איז חלקו של בנימין, דאס איז א פלאץ וואס מען האט נישט געזינדיגט, עס איז הייליג, דארט איז געווען חלקו של בנימין.

**אין** די תורה שטייט נישט וואו מען זאל בויען דעם בית המקדש, נאר והיה המקום אשר יבחר ה' אלקיכם בו לשכן שמו שם (דברים יב-יא), דער אייבערשטער וועט שוין בוחר זיין וואו מען זאל בויען דעם בית המקדש. שפעטער האט מען געדארפט אנפרעגן דורך א נביא, און דער באשעפער האט געזאגט מען זאל בויען דעם בית המקדש אין ירושלים. אויף המקום אשר יבחר ה' אלקיכם, איז די טראפן דערפון מונח מונח רביעי. די תורה האט מרמז געווען, וואו וועט זיין דער פלאץ אשר יבחר ה' אלקיכם? דער שבט וואס ליגט אין די פיר וואס זענען מתו בעטיו של נחש, אין זיין פלאץ וועט זיין דער מקום פון השראת השכינה. וואו איז דער מקום אשר יבחר ה' אלקיכם? מונח מונח רביעי, עס וועט זיין דארטן אין די ארבעה וואס זענען מתו בעטיו של נחש.

*

**אבער** נישט דער גאנצער מזבח איז געווען אין חלקו של בנימין, א חלק פונעם קדושה איז געווען בחלקו של יהודה. דער חלק פון יהודה איז געווען, זאגט די גמרא (יומא יב.), דער גאנצער הר הבית ווי מען איז ארויפגעגאנגען, די עזרה, די לשכות, האט נישט געהערט פאר בנימין, נאר עס האט געהערט פאר חלקו של יהודה. פונעם מזבח און ווייטער, דער מזבח, היכל, אולם, קדשי קדשים, דאס איז געווען בחלקו של בנימין. אבער דער מזבח אליינס, זאגט די גמרא, איז נישט דער גאנצער מזבח געווען בחלקו של בנימין, נאר א רצועה איז אריינגעגאנגען פון יהודה אריין אין בנימין, און אויף דעם איז געווען געבויט דער מזבח. און פאר בנימין האט עס געאהרט, חופף עליו כל היום (דברים לג-יב) זאגט די גמרא, ער האט זיך נישט געקענט בארוהיגן אז ער האט נישט באקומען דעם שטיקעלע אויך. - פארוואס האט מען אראפגענומען א שטיקעלע פונעם מזבח, און מען האט געגעבן א חלק פאר יהודה.

**די** גמרא (סוטה י:) זאגט, אז יהודה האט געהאט א פגם ביי תמר, און עס איז געקומען צו הוציאוה ותשרף. און זי האט געזאגט, הכר נא למי החותמת והפתילים, און יהודה האט געזאגט, צדקה ממני (בראשית לח-כו). צדקה ממני איז געווען א געוואלדיגער בזיון פאר יהודה ארויסצוגעבן אז ער איז עס געווען. ומודה ועוזב ירחם, ער האט געזאגט יא, איך בין עס געווען, איך בין אדורכגעפאלן. און איך וועל נישט גיין טון נאכאמאל אן עוולה, מען זאל ווענגן דעם הרג'נען תמר מיט די קינדער. ער האט מודה געווען אז ער האט געזינדיגט. זאגט די גמרא, אז יהודה האט מקדש געווען שם שמים בפרהסיא, מיט דעם וואס ער האט געזאגט צדקה ממני, איז נקרא כולו על שמו של הקב"ה, ווערט ער אנגערופן אויפן נאמען פון אייבערשטען. אין דעם נאמען 'יהודה', איז דא די אותיות פונעם שם הוי"ה.

**קומט** אויס, אז עס איז קעגן זייטיג. בנימין איז געווען איינער וואס האט קיינמאל נישט געזינדיגט, יהודה איז געווען איינער וואס האט געזינדיגט, און ער האט מפרסם געווען ברבים אז איך האב געזינדיגט, צדקה ממני, מיט א געוואלדיגע בושה האט ער זיך צוגעשטעלט, און ארויסגעזאגט אז ער איז דער חוטא.

**ווען** א יוד ברענגט א קרבן, איז דאך דער טייטש, אז ער קומט צום כהן און ער זאגט, איך האב געזינדיגט, איך האב מחלל שבת געווען, איך האב געגעסן חלב, און אזוי ווייטער, איך וויל ברענגען א קרבן פארן אייבערשטען. א קרבן וואס זאל זיין נאר אין חלקו של בנימין, וואס בנימין האט קיינמאל נישט געזינדיגט, קען נישט אנקומען אהין אין זיין פלאץ א חוטא, און זאגן איך האב געזינדיגט, און איך וויל ברענגען א כפרה. אבער בחלקו של יהודה, וואס

יהודה איז אדורכגעפאלן, יהודה האט געזאגט צדקה ממני, ער האט מודה געווען איך האב געזינדיגט, און איך וויל א כפרה דערויף, דארט קען קומען א יוד און זאגן, איך האב געזינדיגט, איך וויל האבן א כפרה, און ברענגען זיין קרבן.

**האט** מען נישט געקענט לאזן דער גאנצער מזבח זאל זיין בחלקו של בנימין, ווייל אין אזא מקום קדוש, וואו מען האט קיינמאל נישט געזינדיגט, ווי קען אהין קומען א חוטא און ברענגען א קרבן. בחלקו של יהודה, וואס יהודה איז געווען צדקה ממני, דארט איז דער פלאץ וואו מען האט געקענט ברענגען א קרבן. על כל פנים אונז פארשטיי' מיר שוין יעצט, פארוואס דער בית המקדש איז געווען בחלקו של בנימין, און א חלק איז געווען בחלקו של יהודה.

*

**אבער** די קשיא גייט דעמאלטס אנדערש. אז בנימין איז טאקע געווען אזוי גרויס, אז ער האט נישט געהאט קיין שום פגם, פארוואס ווען מען רעכנט אויס די שבעה רועים, רעכנט מען אויס אברהם יצחק יעקב משה אהרן יוסף דוד, פון אלע קינדער פון יעקב האט מען גענומען יוסף. פארוואס קומט עס נישט פאר בנימין? בנימין איז דאך אסאך חשוב'ער פון יוסף, ער איז מת בעטיו של נחש. וואס איז די מעלה, אז מען האט נישט אויסגעקליבן דעם גרעסטן צדיק און אריינגעלייגט דארט, נאר מען האט אריינגעלייגט דארט יוסף אנשטאט בנימין. פארוואס האט מען נישט אריינגעלייגט בנימין, אז ער זאל זיין פון די שבעה רועים. בנימין איז דאך אין א גרעסערע מדריגה.

**נאר**, בנימין איז טאקע א גרויסע מדריגה, ער האט קיינמאל נישט געזינדיגט, אבער זיין עבודה איז נישט אנגעקומען אזוי שווער, ווי עס איז אנגעקומען פאר יוסף. בנימין איז נתגדל געווארן אלע יארן ביי יעקב אבינו אין שטוב, ער האט זיך קיינמאל נישט געדרייט אינדרויסן אויף די גאס, ער האט זיך קיינמאל נישט געדרייט אין א ערות הארץ, ער איז א יוד וואס זיצט אין בית המדרש ביי יעקב אבינו אלע זיינע יארן, פון ווען ער איז געבוירען ביז ער איז געשטארבן איז ער אייביג געווען אין שטוב פון יעקב, און ער איז מת בעטיו של נחש, יא, עס איז נישט קיין שום חידוש. מען זאל נעמען א יוד, און מען זאל אים אריינלייגן אין בית המדרש פון ווען ער איז געבוירען געווארן ביז ער שטארבט, וועט ער קיינמאל נישט ארויסגיין, און ער וועט קיינמאל נישט זינדיגן. ער איז טאקע א גרויסער צדיק, אבער א עבודה איז נישט געווען דערין, ער האט נישט געהאט קיין נסיונות ער זאל צוקומען דערצו.

**יוסף**, מען נעמט א זיבעצן יעריגן בחור, און מען פארשיקט אים אויף מצרים, און ער האט געהאט א עבודה קשה יעדן טאג צו דינען דעם אייבערשטען. ער איז גרויס געווארן, ער איז געווארן דער מלך פון מצרים, ער האט געהאט אלע רעכטן, צו אלעם האט ער געקענט אנקומען, און ער האט זיך געהאלטן בקדושה. די נסיונות וואס יוסף האט געהאט, דאס האט בנימין נישט געהאט. **ביים אייבערשטען איז חשוב ווען א מענטש האט נסיונות, און ער טוט צוברעכן זיינע נסיונות, ער איז עומד בנסיונות, דאס איז געווען חשוב ביים אייבערשטען.** און די מדה האט געהאט יוסף, און נישט בנימין.

**מען** זעהט ביי אברהם אבינו, ווען דער אייבערשטער האט אים געזאגט, ומצאת את לבבו נאמן לפניך. ביי די עקידה איז ער אלט געווען הונדערט זיבן און דרייסיג יאר, און ער האט שוין געדינט דעם אייבערשטען פון די דריי יאר, און נאך די נסיונות זאגט מען, 'עתה' ידעתי כי ירא אלקים אתה, יעצט ווייס איך. ביז יעצט האסטו נישט געוואוסט? דו האסט נישט געהאט קיין נסיונות ביז יעצט, יעצט אז דו האסט געהאט, דו האסט געקענט מקריב זיין דיין קינד, דו האסט געהאט א נסיון דערויף, יעצט איז ארויסגעקומען דעם עתה ידעתי כי ירא אלקים אתה. - יוסף וואס איז אדורכגעגאנגען די נסיונות, ער איז געווארן א חלק פון די שבעה רועים.

**דאס** גיט חיזוק פאר יעדן יוד. מען לעבט אין א וועלט פון נסיונות, און אזעלכע שווערע נסיונות וואס מיר האבן היינט, מען זאל קענען זיך האלטן ערליך, דאס בויט אויף דעם מענטש! ווייל עס איז דא נסיונות, און א מענטש האלט זיך צוריק, און ער איז מקדש שם שמים, און ער גייט נישט נאך נאך הבלי עולם הזה, און ער דינט דעם אייבערשטען, דאס גיט די חשיבות דערויף. יוסף איז אויסגעקליבן צו זיין פון די שבעה רועים, און נישט בנימין וואס

איז מת בעטיו של נחש, עס איז דיר גרינג אנגעקומען, דאס האט נישט קיין חשיבות. דער וואס האט זיך געפלאגט דערויף, און עס קומט אים אן שווער, און ער דינט דעם אייבערשטען באהאלטענערהייט ווי יוסף, ער האט מקדש געווען שם שמים בסתר, זאגט די גמרא, קיינער האט נישט געוואוסט וואס ער טוט, ער זיצט אין מצרים ער האט געקענט טון וואס ער וויל, עס וואלט אים קיינער נישט פארגעהאלטן, און ער האט מקדש געווען שם שמים, האט ער זוכה געווען אז ער איז צווישן די שבעה רועים.

*

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת ש"ב הרב **משה רובינשטיין** שליט"א (בן הגה"צ רבי אלטר אלי' רובינשטיין זצ"ל גאב"ד אנטווערפען), עב"ג בן הרב **אליעזר צבי לעבאוויטש** שליט"א, שהתקיים באולם אור החיים וויזניץ. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום שני פרשת שמות***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

אחר מעריב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל החתונה של בת הר"ר **אייזיק** (ב"ר יצחק זאב) **וויינשטאק** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **יצחק מאיר קליין** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת חי'.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת ש"ב הרה"ג **שמעלקא הורוויץ** שליט"א (חתן הגה"צ רבי משה מנחם ווייס שליט"א אב"ד סאטמאר לאנדאן), עב"ג בן הרה"ג **יעקב מנחם ראזענבערגער** שליט"א, שהתקיים באולם תפארת רבקה. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום שלישי פרשת שמות***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב הגיע **רבינו שליט"א** לסידור קידושין אצל החופה של בן הרב **בנימין פאפלאנאש** שליט"א (ר"מ בישיבה גדולה), עב"ג בת הר"ר **דוד יהודה ווערטהיימער** הי"ו, שהתקיים באולם אימפיריעל.

אחר מעריב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל החתונה של בת הר"ר **משה יוסף הכהן האפפמאנן** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **יצחק לייב ברוין** הי"ו, שהתקיים באולם לעגאסי. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל החתונה של בן הרב **בנימין פאפלאנאש** שליט"א, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום רביעי פרשת שמות***

אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן הר"ר **פנחס קארן** הי"ו (חתן הר"ר אהרן יוסף דאסקאל הי"ו). **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** וואך אין די פרשה פארציילט די תורה הק', אז משה רבינו האט געדארפט מאכען א ברית, און ער האט געדארפט ארויסגיין קיין מצרים. און ער האט דן געווען וואס עס קומט פריער, צו ער זאל מאכען די ברית, אדער ער זאל גיין אויף מצרים. דער אייבערשטער האט געהייסען אז ער זאל גיין, איז דאך געווען די ציווי אז ער זאל גיין יעצט. מל'ן דאס קינד און ארויסגיין אויפן וועג איז א סכנה אין די דריי טאג, האט משה רבינו מחליט געווען, אז מען קען נישט אריינלייגען דאס קינד אין א סכנה, ער מל'ט נישט דאס קינד. ער גייט קודם אויף מצרים, און ווען ער וועט אנקומען, וועט ער מל'ן דאס קינד. און פון רש"י קוקט אויס, אז דער חשבון איז געווען אויסגעהאלטן, אזוי קומט זיך. וואס דען איז געווען ויפגשהו ה' ויבקש המיתו (שמות ד-כד), ווייל ווען ער איז שוין אנגעקומען אינעם מלון, וואלט ער זיך געדארפט תיכף נעמען צום ברית, און ער האט זיך מתעסק געווען קודם אין זיין דירה עס אהערצושטעלן, און נאכדעם איז ער געגאנגען מל'ן דאס קינד, הקב"ה מדקדק עם צדיקים כחוט השערה (בבא קמא נ.), אויף די פאר מינוט וואס ער האט זיך געזוימט מקיים צו זיין די מצוה, איז געווען אזוי גרויס דער עונש.

**אבער** מען דארף פארשטיין די עצם זאך אליין. דער אייבערשטער האט דאך געוואוסט דעם גאנצן חשבון, אז עס איז אים געבוירן א קינד יעצט, און מען רעדט פון מאכען א ברית דעם אכטן טאג. יעצט הייסט אים דער אייבערשטער גיין אויף מצרים? מען קען נישט גיין א טאג פריער, אדער א טאג שפעטער, נאכען ברית אדער פארן ברית. דער אייבערשטער הייסט אים אינעם אכטן טאג, לאז איבער, און גיי ארויס קיין מצרים, מל'ן דאס קינד. ער האט אריינגעלייגט משה רבינו אין א ספק וואס ער האט יעצט צו טון, צו ער זאל מל'ן דאס קינד.

**עס** קען זיין אז דער ענין דערפון איז. עס איז היינט די יארצייט פונעם **בני יששכר זי"ע**. דער בני יששכר רעדט אויף מערערע פלעצער (עיין **בני יששכר** ניסן ד-ז, **ובאגרא דכלה** פ' ראה), אז באתערותא דלתתא איתער עובדא לעילא (**זוה"ק** ח"א פח.), ווי אזוי א מענטש פירט זיך דא אונטען, איז ער מעורר די מדה אויבן אין הימל. אז א יוד איז מקיים א מצוה, איז ער מעורר אין הימל מדת החסד און מדת הרחמים אויף אים, ווייל תורה ברענגט חסד פארן מענטש. ח"ו אז מען זינדיגט, איז פארקערט, ווערט נתעורר אויבן אין הימל דינים. זאגט דער הייליגער בני יששכר, ווי אזוי איז, ווען מען דארף מעורר זייןביידע מדות צוזאמען. מען האט צוטון מיט א פיינט, און מען דארף מעורר זיין מדת הרחמים אויף זיך, און מען דארף מעורר זיין מדת הדין אויפן פיינט. ווי אזוי איז מען מעורר מיט איין זאך ביידע זאכען, אז עס זאל קענען זיין דין און רחמים צוזאמען.

**דער בני יששכר** שרייבט אין **אגרא דכלה**, אויף צוויי אופנים. אדער אז מען טוט א עבירה לשמה, איז מצד העבירה איז עס מעורר דינים, און מצד די לשמה איז עס מעורר רחמים. אדער זאגט ער, אז מען טוט תשובה מאהבה, איז אויך די זעלבע. עס איז א עבירה, וואס ווערט נתהפך פאר א מצוה. מצד די עבירה קומט דינים אויף די אומות העולם, און מצד די מצוה קומט רחמים.

**עס** קען זיין, אז ווען א יוד איז מקיים מצות מילה, ווערט אויך נתעורר ביידע ענינים צוזאמען. בעצם איז מצות מילה א געוואלדיגע מצוה, י"ג בריתות איז דא אויף די מצוה פון ברית מילה, איז עס דאך מעורר רחמים אויבן אין הימל. אבער די עצם מעשה פון מילה, איז דאך א אכזריות, צו נעמען א קינד און מל'ן. נאר ער טוט די אכזריות לכבוד דעם אייבערשטען. ביי די מצוה קומט זיך צוזאם, סיי א מדה פון דין, און סיי א מדה פון רחמים. וועגן דעם איז אזוי גרויס די מצוה פון מילה, ווייל דאס קען מעורר זיין דינים אויף די אויבים, און עס קען מעורר זיין מדת הרחמים אויפן כלל ישראל.

**ווען** משה רבינו איז געגאנגען אויף מצרים, האט ער דאך געדארפט האבן יעצט שני הפכים בנושא אחד. ער מוז מעורר זיין מדת הדין, מכות אויף די מצריים, און ער דארף מעורר זיין אין הימל מדת הרחמים אויף יודען. האט אים דער אייבערשטער דעמאלטס צוגעשיקט די מצוה פון מילה, דורכדעם וואס דו וועסט מקיים זיין מצות מילה, ווערט דאך נתעורר די ביידע זאכען, וועסטו קענען אויספירן דיין שליחות בשלימות. דו וועסט קענען ברענגען דינים אויף די מצריים, און מדת החסד אויף יודען. וועגן דעם האט דער אייבערשטער טאקע געווארט ביז עס קומט דער זמן פון מילה, ער זאל קענען מקיים זיין די מצוה, ווייל דאס איז די הכנה ער זאל קענען שפעטער אויספירן זיין שליחות. די תביעה איז נאר געווען אויף משה רבינו, פארוואס ער האט זיך מתעסק געווען במלון תחלה, אבער דער חשבון איז געווען אויסגעשטעלט, אז משה רבינו זאל יעצט מקיים זיין מצות מילה, בעפאר ער גייט ארויס מיט דעם שליחות צו פרעה.

*

בשעות הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **וואלף וויינפעלד** ע"ה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל שמחת החאלאקה לנכדו הילד **אלי' בצלאל** ני"ו, בן **הרה"ג רבי יהושע שליט"א**, שהתקיים בבית הסב **כ"ק האדמו"ר ממונקאטש שליט"א**.

***מתוך השיחים:***

**האדמו"ר ממונקאטש:** מען האט יעצט געהאלטען אינמיטן שמועסן פונעם **סאטמארער רבי'ן זצ"ל** בנוגע בחורים.

איך בין געווען ביים פדיון הבן ביי רבי משה שמואל פאַרקאש ע"ה וועלכע איז נפטר געווארן נישט לאנג צוריק, ביי זיין'ס א זוהן, זיין עלטסטע זוהן, איז געווען דער פדיון הבן אין סאטמאר בית המדרש אויף בעדפארד, נאכן דאווענען איז געווען דער פדיון הבן. - **רבי איציק'ל [מפשעווארסק]** איז געווען דא פון אנטווערפען, ער האט געוואוסט פון דעם פדיון הבן, עמיצער האט אים געזאגט אז עס איז דא א פדיון הבן, האט ער געזאגט, אה, א פדיון הבן, עס איז אים נאך קיינמאל נישט אויסגעקומען צו זיין ביי א פדיון הבן צוזאמען מיטן רבי'ן, עס איז ביי אים א חשיבות. עס איז געווען ארום צוויי אזייגער, מען האט אים געזאגט אז עס וועט נישט לאנג דויערן, און ער איז געבליבן צום פדיון.

איך האב דעמאלס געהאט א שעת הכושר, עס איז געווען נאך די פרשת נשא, וואס ער האט גערעדט אז מען זאל נישט גיין צום כותל, האב איך באקומען א בריוו פון רבי שלמה אליעזר [מרגליות], אז עס איז דא א בשורה טובה, מען האט געטראפן מיין מאמע ע"ה'ס ציון אויפן הר הזיתים, איך האב דאך נישט געוואוסט וואס דער מצב איז דארט, האט ער געשריבן אז עס איז דא און עס שטייט, עס איז נישט גערירט. אזוי ווי עס איז געווען נאך די תורה פרשת נשא, האט איך זיך בארעכנט אזוי, איך וויל דאך פארן צו מיין מאמע'ס ציון, וועל איך פרעגן רשות, עס זאל נישט הייסן אז איך בין געפארן קיין ארץ ישראל אזוי, וכך הוה, עס איז געווען נאך פארן פדיון הבן, האב איך דורכגערעדט מיט רבי יוס'ל [אשכנזי], האט ער מיר געזאגט אז איך זאל וויסן אז עס איז זייער הייס, די עירקאנדישען ארבעט נישט גוט דא אין בית המדרש, ממילא וועט דער רבי אריינגיין אינעם צימער, דארט איז געווען אן עירקאנדישען אין די פענסטער, דארט וועט ער אויסטוהן די תפילין און די ר"ת תפילין, צווישן דאווענען און דעם פדיון הבן, ער וועט זיכער נישט מאריך זיין, די שיעורים וועט ער נישט לערנען, אפשר איז א שעת הכושר דארט קען איך אריינכאפן, בתנאי איך זאל נישט מאריך זיין, וכך הוה.

איך בין אריין נאכן דאווענען, איך האב אים פארציילט אז איך וויל פארן קיין ארץ ישראל, ער האט זיך געוואונדערט, די מאמע ליגט אין ארץ ישראל?!, און איך האב אים פארציילט וויאזוי עס איז געווען, זאגט ער פיין. דאס האט ער מיר יא געזאגט, איך האב אים נישט געפרעגט, אבער ער האט מיר געזאגט, בכלל דער גאנצע ענין, דער עולם פרעגט מיך צו מען זאל גיין יעצט צו קבר רחל צו מערת המכפלה, איך ווייס נאך נישט, איך בין עוסק דערין, בקרוב האף איך ארויסצוגעבן א חיבור [על הגאולה ועל התמורה], מער ביאור אויף דעם. מיר האט ער אזוי אנגעכאפט ביים ערמל בדרך קירבות און געזאגט, 'אבער דיר בעט איך, דו גיי נישט אין ערגעץ'. צו מיין מאמע ע"ה יא, אבער אנדערע מקומות זאל איך נישט גיין.

נאכדעם איז ער ארויס צום פדיון הבן. מאיזה טעם שיהיה, פון די מסובין האט קיינער נישט געוואוסט צו זאגן פארוואס, אבער דער רבי איז געווען זייער אין א ערנסטע מוט, די הוט איז געווען אראפ אויף די אויגען, זייער אן ערנסטע פנים. ער האט באגריסט רבי איציק'ל, אבער עס איז נישט געווען ווי געוועהנטליך. האט רבי איציק'ל זצ"ל האט געהאט חשק עפעס ממתיק זיין, פון וואנעט ווייס איך, ווייל ער האט געוואלט אנהייבן א שמועס, ער האט געפרעגט וואו איז דער מקור פון דעם אז א סעודת פדיון הבן איז נחשב אזוי ווי פ"ד תעניתים, נו וואס דען רעדט מען ביי א פדיון הבן.., האט ער אנגעהויבן, אז ער האט געהערט פונעם **ציעשנוב'ער רב ז"ל**, וואס ער האט געהערט פונעם טאטן דער **שינאווער רב ז"ל**, בשם **רבי מרדכי'לע נעשכיז'ער**, אז ער האט געזאגט די מימרא, אז עס איז מעין ווי פ"ד תעניתים. פרעגט רבי איציק'ל דעם רבי'ן, צו דער רבי האט נישט געהערט עפעס א מקור צו דעם, די גאנצע וועלט טראגט עס ארום אזוי, האט אים דער רבי געענפערט אזוי מיט אן ערנסטע פנים, איך פארשטיי מיך נישט, איר זאגט אז איר האט געהערט פונעם ציעשנובער רב, וואס ער האט עס געהערט פונעם שינאווער רב, דער שינאווער רב האט עס געזאגט פונעם נעשכיז'ער, וואס זוכט איר מקורות, און אז איר זוכט יא, איר וועט קיין בעסערע מקור פון דעם נישט טרעפן. האט ער קודם געוואוסט א תשובה אז קיין בעסערער מקור פון די מסורה וועט ער נישט טרעפן. און איינער האט זיך אנגערופען דארט, אז עס שטייט אין די תורה פדיו"ם, פ"ד יו"ם, די רבי האט נישט מגיב געווען אויף דעם גארנישט, און די נושא איז אראפ פון טיש[א].

---

[א] נעתיק מה שביאר **רבינו שליט"א** (שמן ראש סוכות ח"א עמ' ק"נ) ברמז הדבר שסעודת פדיון הבן נחשב כפ"ד תעניתים וז"ל: ובסעודת פדיון הבן (בחוה"מ דהאי שתא) אמרתי בזה, בהא דשגור בפי

דער פדיון הבן האט די רעבעצין ע"ה געהאט צוגעגרייט, צו מיט די העלפער'ס, עס איז געווען א הערליכע טאץ מיט פירות ביים פדיון הבן, און ביים פדיון האבן זיך די בחורים צוכאפט שיריים פון די פירות, עס איז אויסגעקומען זייער צעווילדעוועט, מען איז ארויפגעפאלן אויפן טיש, עס איז געווען א גרויסער עולם, בפרט אז רבי איציק'ל איז אויך געווען דארט ביים פדיון הבן, אזוי ווייט איז געווען די בהלה, אז פון אונטען האבן זיך די בחורים ארויפגעכאפט, און דעם רבינ'ס הוט בטעות אראפגעווארפען. האט דער רבי זיך אנגערופען, וואס איז דאס?!, וואס טוט עטס דא?!, עטס ברויכטס צו זיין אין ישיבה, עטס ברויכטס צו זיין אין קעמפ, וואס טוט'ס עטס דא אינמיטן שטאט, די עולם איז זיך צולאפן, ווי עס איז נאר געווען א לאך. האט ער נאכדעם מוסיף געווען, אז עס איז דא אן ערליכער איד ביים טיש, ברויך מען מיך אויך מבייש זיין..

**רבינו:** אז מען רעדט פון פדיון הבן, איך האב נעכטן געזעהן פונעם **אמרי אמת**, פונעם גער'ער רבין, אז עס איז דאך דא א דיעה אין די גמרא (בכורות ד:) אז מען האט מקדש געווען די בכורות אין מדבר אויך, נישט נאר שפעטער ווען מען איז אריין אין ארץ ישראל. האט ער געפרעגט, אז שבט לוי איז ערשט אויסדערוועלט געווארן ביים חטא העגל, און די פרשה פון בכורות איז שוין געזאגט געווארן אין מצרים, איז דאך פון ניסן ווען די פרשה איז געזאגט געווארן, ביז די לויים זענען אויסדערוועלט געווארן איז אדורך אפאר חדשים, ניסן אייר סיון תמוז, ביז שבעה עשר בתמוז, ביי וועם האט מען אויסגעלייזט די בכורים אין די דריי חדשים. די בכורים האבן דאך געטוהן די עבודה ביז דעמאלס, עס איז דאך אלעס געווען בבכורים, ביי וועם האבן זיי זיך פודה געווען. - איז געווען דארט א שמועס, האט זיך איינער אנגערופען אז מען האט זיך פודה געווען ביי משה רבינו, איז דער **בענדינ'ער רב** אויך געזעסן דארט, האט ער געזאגט, די גמרא (נדרים לח.) דינגט זיך פון וואו מען ווייסט אז משה רבינו איז געווען אן עושר, ער איז דאך געווען א עושר פון די אלע פדיון הבן'ס וואס ער געהאט, עס איז דאך נאר געווען איין כהן ביי וועם מען האט זיך געקענט פודה זיין. האט ער געזאגט אז עס קען זיין אז יעדע בכור האט זיך פודה געווען ביי א צווייטן בכור. עכ"פ די הערה איז א הערה, ווער עס איז געווען במקום פון די בכורים ביז מען האט בוחר געווען שבט לוי. (ועיין **ברמב"ן** שמות יג-יא, ובמדבר ג-מה, **ובמשך חכמה** פ' בא שם).

**האדמו"ר ממונקאטש:** דאס איז זיכער, אז אין דעם איז נישט דא א גרויסער חידוש אז איין לוי קען זיך פודה זיין ביים אנדערן?!, איך מיין אז אין דעם ליגט אויך א גרויסער חידוש.

**רבינו:** יא, דאס איז אויך א חידוש (ועיין במהרי"ל דיסקין עה"ת פ' בא).

*

***<u>יום חמישי פרשת שמות</u>***

בשעות הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** לבנין התלמוד תורה בבארא פארק, לרגל החדר פירן של נכדו הילד **אלי' בצלאל** נ"ו, **בן הרה"ג רבי יהושע שליט"א**.

בתחלה ביקר **רבינו שליט"א** בהיכל הכולל דקהלתינו הק', והשמיע מדברות קדשו לאברכי הכולל, אחר

---

העולם דהאוכל בסעודת פדיון הבן הוי כאילו התענה פ"ד תעניתים, אשר אין לזה מקור בדברי חז"ל. ובספר לקוטי פנחס (אות נב) מביא מספר אילנא דחיי (פ' במדבר) שכתב בשם הרה"ק רבי מרדכי מנעשכיז זי"ע שאמר רמז לזה, דבכל התורה כתיב כסף הפדוים (ו' קודם לי') ורק כאן כתיב כסף הפדיו"ם, שהוא אותיות פ"ד יו"ם לרמז על זה עכדה"ק. - אמנם אכתי צריך ביאור מהו ענין המספר של פ"ד דייקא, ולמה דייקא כאן נאמר כסף הפדיו"ם. אך יש לומר דהנה ברש"י שם כתב (ג-יב) ואני הנה לקחתי את הלוים מתוך בני ישראל תחת כל בכור פטר רחם מבני ישראל וגו', ואני מהיכן זכיתי בהן, מתוך בני ישראל, לפי שהיתה העבודה בבכורות, וכשחטאו ישראל בעגל נפסלו, והלוים שלא עבדו נבחרו תחתיהם ע"כ. וזאת היתה הענין שמספר הלוים פדו את הבכורים, ועל פדויי השלשה והשבעים והמאתים העודפים על הלוים מבכור בני ישראל ולקחת חמשת שקלים וגו', כי על ידי חטא העגל נתהוה פגם בבכורי ישראל שנדחו מעבודה, על כן צריכים הם פדיון, או על ידי הלוים או על ידי חמשת שקלים.

והנה לפי דברי החתם סופר בדרשותיו (שבת שובה תקצ"ה) שכל החוטאים בעגל פלטם הענן משעה שחטאו עד שהתחילו בבנין המשכן, אם כן עיקר החטא נמשכה פ"ד יום, משבעה עשר בתמוז עד שאמר ה' סלחתי כדברך והביאו נדבת המשכן, אבל אחר זה קלטם כבר הענן חזרה מפני שנתקן החטא. והבכורים צריכים פדיון בשביל הפ"ד יום שעמדו בחטא זה. לכן נאמר כאן ויקח משה את כסף הפדיו"ם, כי פדיון כסף זה היתה עבור הפ"ד יום של חטא העגל. וכנגדו מי שנהנה מסעודת פדיון הבן, יש בזה תיקון לפ"ד תעניתים שהיו צריכים להתענות עבור הפ"ד יום שנמשך חטא העגל ע"כ.

הדרשה עברו האברכים לפני **רבינו שליט"א** לברכת שלום.

***וזה תוכן הדברות קודש:***

**פותחין** בכבוד אכסניא, ווען מען הייבט אן, הייבט מען אן אין דעם כבוד פון די אכסניא. א אכסניא של תורה, די בית המדרש וואו מען זיצט און מען לערנט רוב שעות פונעם טאג. אשריכם מה טוב חלקיכם, מען דארף פילן א גליקליכקייט, אז דער אייבערשטער האט געגעבן די זכיה אז מען קען זיין אפגעזונדערט פון די גאס, מען קען זיצן אין בית המדרש און עוסק זיין בתורה, דאס איז א עקסטערע שבח והודאה וואס א יוד דארף געבן פארן אייבערשטען. לאו כל אדם זוכה, נישט יעדער איז זוכה צו דעם זכות, אז ער קען זיצן באהלה של תורה נאך די חתונה, און ווייטער ממשיך זיין, זיין עבודת ה'.

**אין רמב"ם** (הל' שמיטה ויובל יג-יג) שטייט, אז די עוסקי תורה, די זענען די שבט לוי וואס איז דא אין כלל ישראל. די שבטים זענען געווען צוטיילט, שבט לוי איז געווען יורו משפטך ליעקב ותורתך לישראל (דברים לג-י), זיי זענען נבחר געווארן פון יעקב אבינו. יעקב האט גע'מעשר'ט אלע זיינע קינדער, און שבט לוי איז געווען די מעשר, וואס זיי האט ער מייחד געווען פארן אייבערשטען. אזוי ווייט, אז ווען מען איז אריינגעקומען קיין ארץ ישראל, האט שבט לוי נישט באקומען קיין חלק ונחלה אין ארץ ישראל, זיי זענען אפגעזונדערט פון די וועלט. אפילו אין קדושת ארץ ישראל, האבן זיי נישט באקומען קיין חלק, ה' הוא נחלתם, זייער נחלה איז דער אייבערשטער אליין! זיי זענען זוכה צו זיין די נחלת ה', זיי דארפן נישט זיין פארנומען מיט עניני עולם הזה. דער באשעפער האט ממציא געווען פאר שבט לוי תרומות און מעשרות, אז זיי זאלן קענען דינען דעם אייבערשטען, און זיי האבן געטון די עבודה אין בית המקדש.

**מען** זעהט ביי די י"ב שבטי י-ה, אז יעקב אבינו האט געהאט צוועלף שבטים, און עס איז צוגעקומען נאך צוויי, אפרים ומנשה כראובן ושמעון יהיו לי (בראשית מח-ה), אפרים ומנשה איז אויך אריינגערעכנט אין די מספר פון די י"ב שבטים. אויב אזוי, איז דאך נישט דא קיין י"ב שבטים, עס איז דא י"ד שבטים. אפרים ומנשה זענען דאך אויך א חלק פון די שבטים.

**עס** שטייט אין **חתם סופר** (**בתורת משה** פ' בהעלותך בהפטורה, בשם **הרמב"ן** דברים לג-ו), אז אין די תורה איז אייביג נאר אויסגערעכנט צוועלף שבטים צוזאמען, עס איז קיינמאל נישט דא מער ווי דער מספר פון צוועלף. ווען מען רעכנט מנשה מיט אפרים, ווערט ארויסגענומען לוי מיט יוסף. ווען מען רעכנט לוי מיט יוסף, איז מנשה אפרים נישט אריינגערעכנט, ווייל יוסף פארטרעט מנשה מיט אפרים. ווען דער פסוק רעכנט אויס ביי די דגלים מנשה מיט אפרים, ווען מען איז אריינגעקומען אויף ארץ ישראל איז מנשה מיט אפרים געווען גערעכנט מיט די צוועלף, און לוי מיט יוסף זענען געווען אויסער די י"ב שבטים, ווייל לוי און יוסף זענען העכער פון די שבטים. די שבטים זענען דאך כלל ישראל, שבט לוי וואס זענען די עוסקי תורה, און יוסף וואס איז די קדושה פון יוסף, די זענען די העכסטע וואס איז דא אין כלל ישראל, זיי זענען נישט נכלל אין די י"ב שבטים, ווייל זיי שטייען העכער. די קדושה פון יוסף, און די קדושת התורה, די צוויי שטייען העכער פון אלעם. - ווען דער אייבערשטער גיט די זכיה, אז מען איז פון די לומדי תורה, און מען זיצט אין בית המדרש און מען לערנט, קומט זיך א עקסטערע הודאה, ששמת חלקינו מיושבי בית המדרש, ולא שמת חלקינו מיושבי קרנות.

*

**עס** זענען דא אין כולל פארשידענע יונגעלייט. עס זענען דא וואס האלטן ממש א קורצע צייט נאך די חתונה. און עס זענען דא יונגעלייט וואס זיצן שוין ב"ה א לענגערע צייט באהלה של תורה. **די הצלחה פון א יונגערמאן, אז ער זאל מצליח זיין, מוז ער האבן א שאיפה אנהייב זמן, וואס גיי איך ענדיגן אין דעם זמן, אין דעם יאר.** נישט איך קום אריין אין כולל, איך לערן דעם שיעור פון די וואך, און איך גיי ווייטער, און ער האט נישט קיין חזון, ארויפצוקוקן אויף שפעטער וואס איך וויל ענדיגן. **די הצלחה איז, ווען א מענטש איז מחליט פאר זיך, איך דארף ענדיגן די מקצוע, איך דארף ענדיגן די מסכתא, דאס וויל איך קענען סוף פונעם יאר, און ווען איך האב פרייע צייט וועל איך עס איבערגיין נאכאמאל און נאכאמאל, איך זאל קענען וואס איך האב געלערנט.** אז מען לערנט מיט א ציל, דעמאלטס קומט מען אן, און מען איז מצליח.

**די** שאיפה דארף צו זיין, אפילו אויסער די צייט וואס מען איז אין כולל. אויסצונוצן יעדע פרייע מינוט וואס מען האט, פאר תורה. אז איך וויל ערגעץ אנקומען, נעמט מען אלע צייטן, און מען גיט עס אוועק דערפאר. להבדיל אלף אלפי הבדלות, ווען א מענטש לערנט זיך א פאך, און ער גייט אין סקול אריין, און ער לערנט זיין פאך די פאר שעות. עס איז נישט אז ער האט געלערנט נאר די פאר שעות וואס ער קען, נאר זיין גאנצער קאפ נאכדעם, ווען ער איז אינדערהיים, ווען ער עסט, און ווען ער דרייט זיך ארום, חזר'ט ער איבער, וואס האב איך צו טון, ווי אזוי איך קען עס בעסער מאכן וכדומה. - אזוי דארף א יוד לעבן אין תורה! אויב ער וויל ערגעץ צוקומען צו א כתרה של תורה, דארף ער נעמען אויף זיך, איך מוז קענען הלכות שבת, איך מוז קענען הלכות יום טוב, איך מוז קענען די מסכתא, די צווייטע מסכתא, און דעמאלטס איז מען מצליח.

**די** שאיפה דארף צו זיין, שבתי בבית ה' כל ימי חיי, נישט נאר צו זיצן אין כולל די צייטן וואס מען קען זיצן אין כולל, נאר אויסצוציען די צייט אויף ווילאנג מען קען זיצן אין כולל, דארף מען עס אויסציען.

**אפילו** ווען עס קומט די צייט און מען דארף אוועקגיין פונעם כולל, אבער די תורה וואס מען האט קונה געווען אינעם כולל, נעמט מען מיט זיך מיט. **אפילו מען דארף ארויסגיין זוכן עפעס א פרנסה, זאל מען זוכן א זאך וואס איז פארבינדן מיט תורה. איך וויל צוקומען צו זיין א מגיד שיעור, איך וויל צוקומען צו זיין א שואל ומשיב אין א ישיבה, צו לערנען מיט בחורים וכדומה, נישט דארפן ארויסגיין אויף דער גאס, און זיך דרייען אויף די גאס.** אז מען האט דעם פארשטאנד אלץ כולל יונגערמאן, וואס די חשיבות איז פון זיצן אין בית המדרש און לערנען, דארף מען דאס זעהן אויסצונוצן אויף שפעטער אויך.

*

**מען** זעהט די וואך אין די פרשה, ויהי כי יראו המילדות את אלקים, ויעש להם בתים (שמות א-כא). עס איז געווען די גזירה אין מצרים, וראיתן על האבנים, אם בן הוא והמתן אתו, און די מילדות האבן נישט אזוי געטון, ותיראן המילדות את האלקים, זיי האבן מורא געהאט פונעם אייבערשטען, זיי האבן נישט געטוען כדבר פרעה. און דער אייבערשטער האט זיי באצאלט, ויעש להם בתים, דער באשעפער האט זיי געגעבן זיי האבן אויפגעשטעלט שטובער, בתי כהונה און בתי לויה. עס איז געווען יוכבד מיט מרים, לויט איין דעה אין די גמרא (סוטה יא:), און דער באשעפער האט זיי באצאלט, אז פון זיי איז ארויסגעקומען בתי כהונה און בתי לויה. משה רבינו, אהרן, און גאנץ שבט לוי זענען שפעטער ארויסגעקומען פון זיי, פון א מאמע וואס איז געווען א ירא אלקים, מורא געהאט פונעם אייבערשטען.

**משה** רבינו איז געווען דער מובחר האנשים, ולא קם נביא עוד בישראל כמשה (דברים לד-י). תיכף ווען ער איז געבוירען געווארן, ותרא אותו כי טוב (שמות ב-ב), נתמלאה הבית כולו אורה (סוטה יב.), די שטוב איז געווארן ליכטיג. וועלכע טאטע און מאמע האבן זוכה געווען צו האבן אזא קינד ווי משה רבינו? יוכבד מיט עמרם. משה בן עמרם, און די מאמע איז געווען יוכבד. עמרם איז געווען דער הייליגסטער יוד וואס איז געווען דעמאלטס אין כלל ישראל, ער איז פון די ארבעה וואס זענען מתו בעטיו של נחש (שבת נה:). יעדער מענטש האט עפעס געזינדיגט, אפילו די אבות הק', אלע שבעה רועים זענען נישט אויסגערעכנט דארטן, ווייל אדם אין צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא (קהלת ז-כ), א מענטש קען אדורכפאלן אמאל מיט א קלייניגקייט, ער פארלירט שוין דעם נאמען אז ער האט קיינמאל נישט געזינדיגט. עמרם, זאגט די גמרא, איז פון די פיר וואס זענען געשטארבן בעטיו של נחש, ער האט נישט געהאט אויף זיך קיין שום פגם, קיין שום חטא.

**די** מאמע איז געווען יוכבד, וואס האט געהאט מסירת נפש פאר יראת אלקים. זי גייט נישט טון וואס פרעה איז גוזר, איך פאלג נישט דעם מלך, ויהי כי יראו המילדות את האלקים. ווען א טאטע איז ערליך, און א מאמע איז ערליך, באצאלט דער אייבערשטער, ויעש להם בתים, מען שטעלט אויף בתי כהונה און בתי לויה. עס איז נישט נאר מען האט אויפגעשטעלט איין משה רבינו, נאר מען האט אויפגעשטעלט א משה, מיט א אהרן, און שבט לוי. אלע עבודות אין בית המקדש איז געווען דורך די כהנים מיט די לוים, ויהי כי יראו המילדות את האלקים, פון די יראה וואס די מילדות האבן געהאט פארן אייבערשטען.

**עס** קען אפשר זיין, וואס איז די מדה כנגד מדה וואס די תורה זאגט, ויהי כי יראו המילדות את האלקים, ויעש להם בתים. די גמרא (שבת לא.) רעדט פון דעם ענין פון יראת שמים, אז עס איז נישט גענוג אז א מענטש לערנט תורה אליין, נאר תורה דארף זיין צוזאמען מיט יראת ה'. יראת ה' איז טייטש, מורא האבן פארן אייבערשטען, פשוטו כמשמעו. עס קומט א נסיון פון אן עבירה, דער אייבערשטער לאזט נישט! עס דארף זיין כאילו א פאליסמאן שטייט, און ער לאזט נישט טון די עבירה, האט ער מורא עס צו טון, אזוי דארף זיין די יראת ה'. ווען עס קומט צו טון א מצוה, טוט ער עס מיטן גאנצן הארץ, ווייל ער דינט אזא גרויסן באשעפער. אז מען לערנט תורה, און עס פעלט די יראת שמים דערביי, עס גיט אים נישט גענוג כח ער זאל קענען דינען דעם אייבערשטען ווי עס דארף צו זיין, האט נישט די תורה אזא געוואלדיגן חשיבות.

**די** גמרא זאגט, חבל על דלית ליה דרתא, ותרעא לדרתא עביד. א שאד איז פאר דעם וואס האט נישט קיין דירה, און ער מאכט א טויער פאר זיין דירה. די דירה איז דאך דער עיקר פונעם מענטש, אז מען האט א דירה, מאכט מען א טויער אז מען זאל קענען אריינגיין אין די דירה. אבער מאכן א טויער פאר א ליידיגע הויז, ווי מען קען נישט וואוינען אינעווייניג, האט נישט קיין חשיבות דער טויער. זאגט די גמרא, אז די תורה דאס איז נאר אזוי ווי דער טויער אריינצוגיין אין יראת ה'. כדאי אונז זאל מיר קענען דינען דעם אייבערשטען, און האבן די עכטע יראת שמים וואס דארף צו זיין, העלפט צו דערצו די קדושת התורה, אז מען זאל קענען צוקומען. אבער טאמער איך קום נישט צו, צו דעם ציל פון יראת ה', איך האב נאר די תורה אליין, האב איך געמאכט א טויער, אבער איך בין נישט צוגעקומען צו דעם בית. חבל, על דלית ליה דרתא, ותרעא לדרתא עביד.

**עס** איז דא א ווארט פונעם **בעל שם טוב הק'**, אז מען געפונט ביי יעקב אבינו, בשעת ער איז געווען אויפן מקום המקדש, און ער האט געהאט דעם חלום. ווען ער איז אויפגעשטאנען, האט ער געזאגט, אין זה כי אם בית אלקים, וזה שער השמים (בראשית כח-יז). ער האט געזאגט צוויי מאל 'זה', אין 'זה' כי אם בית אלקים, 'וזה' שער השמים. אז מען רעדט פון איין פלאץ דארף מען זאגן, אין זה כי אם בית אלקים ושער השמים. פארוואס זאגט ער, אין זה כי אם בית אלקים, וזה שער השמים.

**יעקב** אבינו איז געזעסן און געלערנט פלייסיג כל ימיו, ער איז נישט געשלאפן אין קיין בעט, ווי רש"י (בראשית כח-יא) ברענגט צו, וישכב במקום ההוא, פערצן יאר האט ער זיך נישט געלייגט שלאפן. און דאס איז שוין געווען ווען ער איז געווען א יוד פון עטליכע זיבעציג יאר. ביי די דריי און זעכציג יאר איז ער צוריקגעגאנגען לערנען נאך פערצן יאר אין בית המדרש, און ביי די זיבן און זיבעציג יאר איז ער אנגעקומען דא אינעם מקום המקדש, און דא איז אים נתגלה געווארן א געוואלדיגע יראת ה'. ער האט געזעהן וואס עס טוט זיך, סולם מוצב ארצה, וראשו מגיע השמימה, והנה ה' נצב עליו, א דערהויבענקייט וואס ער האט נישט געהאט פאר דעם. ער איז געקומען דעמאלטס צו די השגה, אפילו איך בין געזעסן און געלערנט אזויפיל יארן, אבער ביז איך בין נישט צוגעקומען צו די יראת שמים וואס איך האב דא זוכה געווען, בין איך נישט צוגעקומען צו דעם 'בית', איך בין נאר צוגעקומען צו דעם שער. עס איז אלעס נאר געווען אן אריינפיר אז איך זאל קענען צוקומען צו דעם יראת ה'. דעם שער האב איך געהאט ביז יעצט, אבער יעצט בין איך געוואויר געווארן וואס דער עיקר איז. דער עיקר איז דער בית, דער יראת ה' וואס דאס איז דער מקום המקדש פון עבודת ה'.

**זאגט** דער הייליגער בעל שם טוב הק', ווען יעקב האט זיך אויפגעוועקט האט ער געזאגט, מה נורא המקום הזה, ווי פארכטיג איז דער פלאץ, אין 'זה' כי אם בית אלקים, דא איז דער בית, 'וזה', וואו איך בין געווען ביז יעצט, אין בית המדרש פון שם ועבר, דאס איז נאר דער שער השמים, דאס איז נאר דער טויער צוצוקומען דערצו. אבער דער עיקר בית איז יראת ה', יראת ה' דאס איז דער בית.

**די** תורה הק' הייבט זיך אן בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ (בראשית א-א), עס הייבט זיך אן מיט א בי"ת. דער מדרש שטעלט זיך, פארוואס הייבט זיך אן די תורה מיט א ב', עס וואלט זיך געדארפט אנהייבן מיט אן א'? די תורה האט געוואלט זאגן, אין אנהייב ווען מען הייבט אן צו לערנען תורה, דארף מען וויסן אז דאס איז נישט

דער בי"ת, עס איז דא א בית וואס דארף צו זיין קודם, 'בראשית' איז בי"ת ראשית. קודם דארף זיין א 'בית', נאכדעם קענסטו זיך זעצן לערנען תורה. דיין ציל דארף זיין אנצוקומען איך וויל זיין א ירא ה', איך וויל זיין אן עובד ה'. און כדי איך זאל קענען צוקומען צו דעם, דארף איך האבן תורה. בראשית איז בי"ת ראשית, מען דארף געדענקן אייביג, אז דער ראשית איז דער בי"ת. חבל על דלית ליה דרתא, קודם דארף זיין די דירה, און נאכדעם ותרעא לדרתא עביד, נאכדעם קען מען זיך זעצן לערנען תורה, וואס דאס איז דער טויער צו יראת שמים. קומט אויס אז יראת אלקים ווערט אנגערופן 'בית'.

**ויהי** כי יראו המילדות את האלקים, זיי זענען צוגעקומען צו די מדריגה פון יראה, ויעש להם בתים, האבן זיי אויפגעשטעלט 'בתי' כהונה און 'בתי' לויה. נישט כהנים און לוים האבן זיי אויפגעשטעלט, זיי האבן אויפגעשטעלט כהנים און לוים וואס איז א 'בית'. 'בית' הלוי ברכו את ה', עס איז א פלאץ וואו מען דינט דעם אייבערשטען מיט יראת ה'. - און דאס איז די עבודה פון לימוד התורה, וויסן די חשיבות פון זיצן אין בית המדרש, און מען שטייגט אין תורה, און דאס אויסנוצן שפעטער אויף דעם יראת אלקים וואס דארף שטענדיג חופף זיין.

*

**ותרא** אותו כי טוב, שנתמלא הבית כולו אורה. די גמרא (ברכות ה.) זאגט, אין טוב אלא תורה. די תורה ווערט אויך אנגערופן אור, תורה אור (משלי ו-כג). געוועגליך טייטשט מען, אין טוב אלא תורה, עס איז נישט דא קיין דבר טוב אויף די וועלט, נאר תורה. אז דו ווילסט אנרופן א זאך איז טוב, תורה דאס ווערט אנגערופן טוב. עס ליגט אבער דערין נאך א נקודה בדרך מוסר. א מענטש ווערט געבוירען מיט שלעכטע מדות, עיר פרא אדם יולד (איוב יא-יב), קיינער ווערט נישט געבוירען מיט גוטע מדות, יעדער ווערט געבוירען מיט שוואכע מדות. גיאות וואס איז דא אינעם מענטש, ער וויל אייביג זיין מער ווי דער צווייטער, ער וויל ארויסשטארן, יעדער זאל זעהן זיינע מעלות, און זיינע מעלות און יענעם'ס חסרונות. א מענטש ווערט געבוירען מיט קנאה, ער איז מקנא פארוואס יענער האט מער און איך האב וויניגער, יענער איז מער געלונגען און איך בין וויניגער געלונגען. א מענטש ווערט געבוירן מיט כעס, ער קען זיך נישט צוריקהאלטן, ער גיט ארויס זיין כעס. עס פעלט די מדה פון סבלנות, קענען אראפשלינגען א זאך. די אלע מדות רעות וואס איז אויסגערעכנט אין הייליגע ספרים, ווערט א מענטש געבוירען דערמיט. ער איז גארנישט שולדיג דערויף, ווייל אזוי ווערט א מענטש געבוירען.

**די** עבודה איז אבער, זיך אויסצוארבעטן צו ווערן גוט. מען זאל ווערן גוט, און זיין אויסגעארבעט אין אלע מדות טובות וואס פארלאנגט זיך פון א יוד. כי יצר לב האדם רע מנעוריו (בראשית ח-כא), משעה שננער לצאת (ב"ר לד-י). מען ווערט געבוירן מיט א יצר הרע, מען ווערט געבוירן מיט שלעכטע מדות, און עס איז אן עבודה זיך איבערצוארבעטן. עס איז דא וואס ברענגען אפילו צו מדרשים אויפן גרויסן משה רבינו, וואס עס שטייט אויף אים ותרא אותו כי טוב, אז די מדות פון משה רבינו ווען ער איז געבוירען געווארן, איז געווען גאר שלעכטע מידות, און ער האט זיך געדארפט איבערארבעטן מיט די קדושת התורה, ער זאל צוקומען צו וואס ער איז צוגעקומען שפעטער (עיין **באור פני משה** פ' חקת, **ובתפארת ישראל** סוף מסכת קידושין). תורה דאס טוט אויסאיידלען דעם מענטש. מען זעהט עס בחוש, **ווי מער א יונגערמאן זיצט אין כולל און ער לערנט, אזוי סאך ווערט מען אן אנדערער סארט יונגערמאן. עס איז נישט נאר ער קען נאך א מסכתא, צו ער קען נאך א מקצוע, ער איז אן אנדערער סארט יוד!** ער ווערט אויסגעארבעט, זיינע מדות זענען אנדערע סארט מדות, ווי וואס מען זעהט ביי איינעם וואס זיצט נישט באהלה של תורה.

**אין** טוב אלא תורה, עס איז נישט מעגליך אז א יוד זאל קענען ווערן א 'טוב', נאר דורך תורה! אן ערליכער יוד האט מען גערופן 'ער איז א גוטער יוד'. פארוואס האט ער געהייסן א גוטער יוד? אן אנדערער איז אויך א גוטער יוד. ווייל ער איז געווען א 'גוטער' יוד, די אלע צדיקים זענען געווען בעצם גוט, זיי האבן זיך אויסגעארבעט זייערע מדות, זיי זענען געווען בעלי חסד, און בעלי רחמים, און שולט געווען אויף זיך. און צו קענען צוקומען צו די מדה, אז מען זאל קענען זיין א 'טוב', איז מען זוכה מיט תורה! אין 'טוב' אלא תורה! עס איז נישט דא קיין מעגליכקייט צוצוקומען צו 'טוב', נאר דורך תורה.

תורה דאס טוט אויסאיידלען דעם מענטש. א מענטש קומט אריין אין א בית המדרש, זאגט דער מדרש (פרקי דרבי אליעזר כה), דאס איז אזוי ווי מען קומט אריין אין א פלאץ וואו עס איז דא בשמים. אפילו ער האט גארנישט געטון דארטן, ער איז אריינגעקומען און ער גייט ארויס, האט ער קולט געוואן א ריח טוב פון דעם פלאץ וואו ער איז געוואן. תורה האט אין זיך א קדושה וואס טוט אויסארבעטן, בראתי יצר הרע בראתי לו תורה תבלין (קידושין ל:), תורה איז א תבלין, א תבלין גיט אריין א גוטן טעם אין א מאכל, אזוי איז תורה וואס קומט אריין אינעם מענטש. - און זוכה זיין צו דעם טוב, איז מען נאר זוכה דורך תורה.

*

**ווען מען רעדט פון בני תורה, אויסער זייער לערנען, און אויסער זייער שטרעבן וואס זיי דארפן צוקומען אויסצוואקסן עובדי ה', קענען זיך מפקיר זיין, אלעס פארגעסן, עס אינטערעסירט זיי גארנישט, נאר איין זאך, שטייגן אין תורה און עבודת ה', ווערן אויסגעארבעט פאר אן ערליכער יוד, קענען טון שטענדיג דעם רצון פונעם אייבערשטען. ליגט אויף זיי נאך א חיוב, מקדש צו זיין שם שמים!** אין די גמרא (יומא פו.) שטייט, מען זאגט יעדן טאג ביי קריאת שמע, ואהבת את ה' אלקיך בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאודך (דברים ו-ה). אונז טייטש מיר, דו זאלסט ליב האבן דעם אייבערשטען מיט דיין גאנצן הארץ, מיט דיין לעבן, מיט דיין פארמעגן. אהבת ה', אין אלע מצבים זאלסטו ליב האבן דעם אייבערשטען. אין די גמרא שטייט, אז עס ליגט אין ואהבת את ה', אז נישט נאר דו זאלסט ליב האבן דעם אייבערשטען אליין, נאר אויך אהבהו על הבריות. דיין אהבת ה' דארף זיין אזוי גרויס, אז דו זאלסט עס איבערפלאנצן אויף אנדערע, טו באליבן דעם אייבערשטען'ס נאמען אויף מענטשן. זאגט די גמרא, ווען איינער לערנט תורה, און ער פירט זיך אויף ווי עס דארף צו זיין, איז ער מקדש דעם אייבערשטען'ס נאמען. ווען עס איז דיבורו בנחת עם הבריות, ער רעדט צו א מענטש ארענטליך, זיין משא ומתן איז באמונה, ער פירט זיך ערליך, וואס זאגט מען, אשרי אביו וואס האט אים געבוירען, אשרי רבו שלמדו תורה, וואויל איז זיין טאטע, וואויל איז זיין רבי, קוקטס ווי אזוי עס קוקט אויס איינער וואס לערנט תורה, ווי אזוי ער האט זיך אויסגעארבעט. ח"ו פארקערט, טאמער ער גייט ארויס פונעם בית המדרש, און זיין אויפפירונג איז נישט ווי עס פאסט פאר א בן תורה, ח"ו איז ער מחלל שם שמים! און מען זאגט, אזוי קוקט אויס א בן תורה? דאס האט ער פון וואס ער זיצט אין כולל? ער זיצט און לערנט, און ער קען זיך אזוי אויפפירן?! אהבהו על הבריות, זאגט די גמרא, מען איז מחויב צו באליבט מאכן דעם אייבערשטען מיט די מעשים ווי אזוי מען פירט זיך אויף דער גאס.

**און** נישט נאר אויף די גאס, נאר אויך אין בית המדרש! ווען א בן תורה קומט אריין אין בית המדרש, און ער שטעלט זיך דאווענען, און ער דאווענט אזוי ווי א בעל הבית דאווענט, ווי איינער וואס דארף לויפן צו דער ארבעט, פעלט אסאך מאל אין דעם ואהבת את ה' אלקיך, אין אהבהו על הבריות. אזוי קוקט אויס א כולל יונגערמאן?! אזוי דארף ער צו דאווענען?! אזוי דאווענט דאך א פשוטער יוד.

**ווען** מען זעהט ווי אזוי ער רעדט, ווי אזוי ער פירט זיך אויף, און ווי אזוי ער פירט זיך נישט אויף אויף דעם וועג אזוי ווי עס פאסט פאר א בן תורה, פעלט אים אין זיין ואהבת את ה' אלקיך. א בן תורה דארף זיין, אז וואו ער גייט, און וואו ער שטייט, זאל ער ארויסשטארן מיט זיין איידעלקייט, ארויסשטארן מיט זיין הנהגה. ווי אזוי מען פירט זיך אין שטוב, קיינער זעהט נישט, דאס איז בין אדם למקום. אבער ווען מען איז אינדרויסן צווישן מענטשן, און מען פירט זיך נישט אויף בדרך כבוד, ווי א בן תורה דארף זיך פירן, פעלט עס אין ואהבת את ה' אלקיך.

**ווען א יונגערמאן קומט אריין אין בית המדרש, דארף ער זיך פילן ווי ער וואלט געווען דער ראש ישיבה, ווי ער וואלט געווען דער רב, וואלט ער אויך אזוי געטון? וואלט ער אויך אזוי געדאווענט? וואלט ער זיך אנדערש אויפגעפירט. אזוי דארף ער זיך צו פירן, איך בין א בן תורה! מיין מהות איז אנדערש ווי א אנדערער יוד אין בית המדרש. איך דארף זיך צו פירן אזוי ווי עס פאסט זיך פאר א בן תורה. איך קען נישט גיין אויף דער גאס אן א הוט און א רעקל! און ווען איך טו עפעס אויף דער גאס, בין איך אין פובליק פאר יעדן איינעם, ווי אזוי עס זעהט אויס א בן תורה.**

**יא, מען דארף ארויסקענען, דא גייט א כולל יונגערמאן, דא גייט נישט אן ארבייטער, ער זעהט נישט אויס ווי דער ארבייטער, און ער טוט נישט וואס דער ארבייטער טוט, ווייל ער איז א בן תורה.** געדענקן דעם ואהבת את ה' אלקיך, אהבהו על הבריות, מען דארף באליבט מאכן דעם אייבערשטען'ס נאמען אויף מענטשן.

*

**מען** געפונט ביי משה רבינו, אז די טאכטער פון פרעה האט אים ארויסגענומען, און זי האט אים א נאמען געגעבן משה, כי מן המים משיתהו (שמות ב-י), איך האב אים ארויסגעשלעפט פון וואסער. און דער נאמען איז געבליבן אזוי, און פון אלע נעמען וואס משה רבינו האט געהאט, איז געבליבן דער נאמען משה, כי מן המים משיתהו. אין מדרש (שמו"ר א-כו) שטייט, אלץ הכרת הטוב. דער אייבערשטער האט מכיר טוב געווען פאר בת פרעה, זי האט אים מציל געווען. דו האסט אים געגעבן א נאמען משה, איך גיי אים רופן משה. [מען רעדט פון הכרת הטוב, עס זיצן דא די עסקנים פארן כולל, עס קומט זיי אויך אן הכרת הטוב, וואס זיי טוען אזויפיל פארן כולל, דער אייבערשטער זאל זיי געבן, זיי זאלן קענען ווייטער טון, להגדיל תורה ולהאדירה]. אבער על כל פנים אויף בתיה איז שווער נאך א קשיא. מען גיט א נאמען משה, כי מן המים משיתהו, ער איז געווען אין וואסער, און איך האב אים ארויסגעשלעפט פונעם וואסער. עס פעלט דאך עפעס אין דעם מהות פונעם נאמען משה, אויף דעם גיט מען א נאמען?

**נאר** די פשט דערפון איז. די גמרא (סוטה יב:) זאגט, אז ווען בתיה בת פרעה איז געקומען, און זי האט געזעהן משה רבינו דארט אינעם קעסטל, ותשלח את אמתה, האט זי אויסגעשטרעקט איר ארעם, ותקחהו, און זי האט אים גענומען (שמות ב-ה). וואס איז דער ותשלח את אמתה, יעדער ווייסט אז מען נעמט א קעסטל הייבט מען אויף די הענט, און מען נעמט עס ארויס. אז מען הייבט נישט אויף די הענט, קען מען נישט נעמען קיין קעסטל פון וואסער. די גמרא דרש'נט, אז דאס קעסטל איז געווען זייער ווייט, און עס איז נשתרבבה אמתה, די האנט איז געווארן אויסגעצויגן זעכצן אמות, א ווייטער מרחק. ותשלח את אמתה, זי האט אויסגעשטרעקט איר האנט, און זי האט עס גענומען. עס איז געשעהן א נס בשעת זי האט עס גענומען.

**עס** איז טאקע געשעהן א נס, אבער עס איז נישט קיין חידוש, פאר משה רבינו האט דער אייבערשטער געמאכט א נס, אז מען זאל אים קענען ארויסנעמען. די מפרשים שטעלן זיך אבער, וואו איז געווען דער שכל פון בת פרעה? זי זעהט א קעסטל דארט, און זי איז דאך נישט געווען קיין בעל מופת, זי איז דאך נישט געגאנגען מאכן קיין ניסים. ווער וואלט אויסגעשטרעקט א האנט, ווען מען זעהט אז מען קען עס נישט נעמען? וואלט איינער וואס זיצט ביים טיש אויסגעשטרעקט א האנט ארויסצונעמען א ספר פונעם ספרים שאנק? עס וואלט אים נישט איינגעפאלן אפילו. וואס איז איר איינגעפאלן אז ותשלח את אמתה, זי שטרעקט אויס איר האנט צו נעמען דאס קעסטל. און דער אייבערשטער האט איר געהאלפן, זי האט אויסגעשטרעקט איר האנט, און זי האט עס דערגרייכט.

**עס** שטייט אין הייליגע ספרים, א מענטש דארף טון וואס ער קען, און דאס איבריגע פארלאזן זיך אויפן אייבערשטען. זי האט געהאט א געוואלדיגע תשוקה ארויסצונעמען משה רבינו פונעם וואסער [זי האט נישט געוואוסט אז עס איז משה רבינו, אבער על כל פנים זי האט געוואלט די תיבה וואס איז געווען דארט]. און זי האט געזעהן אז זי קען נישט אנקומען דערצו, האט זי געזאגט פארן רבונו של עולם, איך לייג אויס מיין האנט, איך טו וואס איך קען, איך קען נישט, קען איך נישט מער. **ווען א מענטש טוט וואס ער קען, ער שטרעקט אויס זיין האנט וויפיל ער קען, געשעהט אים ניסים!** באתערותא דלתתא איתער עובדא דלעילא (זוה"ק ח"ג לא:). ווען א מענטש זאגט, איך וויל שטייגן, איך וויל וואקסן, איך קען נישט. דו קענסט יא! דער אייבערשטער גיט כוחות וואס איז חוץ די כוחות פונעם מענטש.

**דאס** האט געגעבן פאר בת פרעה א געוואלדיגע כח אויף שפעטער, די גמרא (סוטה יב:) זאגט דאך, אז בתיה בת פרעה האט זיך מגייר געווען, שהלכה לרחוץ מגילולי בית אביה, זי איז זיך געגאנגען אפוואשן פון גילולי עבודה זרה. זי האט געזעהן אז דער אייבערשטער גיט כוחות מער וויפיל דער מענטש מיינט, ווי אזוי האט זי געקענט ארויסנעמען

משה רבינו פונעם וואסער? ווייל דער אייבערשטער האט איר געמאכט א נס, דו האסט אויסגעשטרעקט א האנט, ביסטו אנגעקומען דערצו. כדי זי זאל דאס געדענקען שטענדיג, אז ווען א מענטש טוט עפעס, באקומט ער סייעתא דשמיא פון הימל, אז מען זאל קענען צוקומען דערצו, האט זי א נאמען דאס קינד משה! שטענדיג וועט מען רופן 'משה', כי מן המים משיתיהו, איך האב אים ארויסגעצויגן פון וואסער, ווי אזוי האב איך געקענט ארויסציען משה פונעם וואסער, איך בין דאך געווען אויף יענעם עק? נאר איך האב אויסגעשטרעקט א האנט, און דער אייבערשטער האט געהאלפן, עס איז אנגעקומען ווייטער. מיט דעם נאמען פון משה האט זי געלערנט, אז א מענטש דארף אויסשטרעקן די האנט, און נאכדעם קומט ער אן ווי מען דארף.

**דער** נאמען משה האט געגעבן בת פרעה, און דער אייבערשטער האט אויך גערופן משה רבינו מיט דעם נאמען. משה רבינו איז דער נותן התורה, כדי מיר זאלן שטענדיג געדענקען דעם זעלבן טעם פארוואס זי האט אים א נאמען געגעבן. כי מן המים משיתהו, ווען א מענטש שטרעקט אויס זיין האנט, קומט ער אן אפילו בדרך הטבע וואלט ער נישט געקענט אנקומען. משה רבינו איז דער סימבאל פון תורה, **ווען א יוד וויל שטייגן אין תורה, ער וויל שטייגן אין עבודת ה', זאל ער נישט זאגן איך קען נישט. מען קען יא!** אפילו בדרך הטבע מיינט מען אז מען קען נישט, אבער אז מען לייגט זיך אריין דערין זעהט מען עס. מען דארף נישט ברענגען קיין משלים דערויף, וויפיל זענען געווען וואס האבן געמיינט אז מען קען נישט אנקומען, און שפעטער האט זיך ארויסגעשטעלט, אז זיי האבן זיך אריינגעלייגט און אריינגעווארפן אין א ענין, האבן זיי געקענט אויפטון גדולות ונצורות, עס איז דא סייעתא דשמיא.

**האט** דער אייבערשטער גערופן משה רבינו מיטן נאמען 'משה', אונז זאל מיר וויסן אז אונז קען מיר יא! מען זאל נישט זאגן, אונז קען מיר נישט. איך קען נישט קענען די מסכתא, עס איז צו א שווערע מקצוע, איך קען נישט קענען דעם טורי זהב, איך קען נישט עומד זיין אין די נסיונות וואס איך דארף אדורכצוגיין. - דו קענסט! מען דארף נאר וועלן. אין לך דבר שעומד בפני הרצון (עיין זוה"ק ח"ב קסב:), און אז מען וויל, העלפט דער אייבערשטער אז עס גייט זייער אסאך ווייטער פון וויפיל מען קען.

**מען** זיצט דאך אין בית המדרש און מען לערנט תורה פלייסיג, איך באקום ב"ה זייער שיינע גריסן פון דעם מקום תורה דא, מען זיצט און מען לערנט, מען פארהערט זיך, מען האלט מיט די בחינות. זאל דער אייבערשטער געבן, מען זאל קענען זיצן און לערנען שטענדיג, אחת שאלתי מאת ה', שבתי בבית ה' כל ימי חיי, זאל מען שעצן די יארן וואס מען איז אין בית המדרש. שעצן עס, און ארויסקוקן דערויף. דאס איז אונזערע שענסטע יארן וואס אונז האב מיר אין אונזער לעבן. דאס בויט אונז אויף, און אפילו ווען עס וועט קומען א צייט, ווען מען וועט ארויסגיין פונעם בית המדרש, מען גייט ארויס אן אנדערער סארט יונגערמאן. דער 'טוב' וואס מען איז קונה אינעם בית המדרש, דאס באגלייט שטענדיג. מען זאל קענען אויפשטעלן שפעטער אזא שטוב, אז עס זאל קענען דארטן געבוירן ווערן א משה רבינו, מען זאל קענען זיין אזוי ווי עמרם מיט יוכבד זענען געווען, דאס נעמט זיך פון די יארן וואס מען זיצט אין בית המדרש, און מען לערנט תורה. דאס גיט דעם כח, אז מען זאל קענען עומד זיין אין אלע זמנים שפעטער. דאס איז א געוואלדיגע זכיה וואס מען האט, אז מען קען זיצן און לערנען די ערשטע יארן נאך די חתונה, און מען קען עס ממשיך זיין ווי ווייט מען קען.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, מען זאל וואקסן גרויס אין תורה און עבודת ה', און האבן הצלחה אין וואס מען לערנט, ללמוד וללמד לשמור ולעשות את כל דברי תלמוד תורתך באהבה. ללמוד דארף זיין קודם, נאכדעם קומט ללמד, מען לערנט מיט א חברותא, מען לערנט מיט א צווייטן, איבערצוגעבן די תורה וואס מען לערנט. אבער מיט דעם ענדיגט זיך עס נישט, נאכדעם קומט דער לשמור ולעשות ולקיים את כל דברי התורה. דאס איז נאר דער שער, דער בית איז, לשמור ולעשות, קענען זיין אפגעהיטן דאס גאנצע לעבן, און זיך פירן על פי דרכי התורה ווי אזוי דער אייבערשטער וויל. דאס איז די כוחות וואס דער אייבערשטער גיט, מער וויפיל א מענטש קען אליין דערהייבן, באקומט ער ווען ער וויל אנקומען צו א זאך.

**דער** באשעפער זאל געבן, מיר זאלן קענען שטייגן אין תורה און עבודת ה'. קענען אויפשטעלן שיינע

יודישע שטובער, ויהי כי יראו המילדות את האלקים, ויעש להם בתים, בתי כהונה ובתי לויה, קינדער וואס זאלן שטייגן און וואקסן אין תורה און יראת שמים. דער באשעפער זאל געבן פרנסה בהרחבה, מען זאל קענען זיצן און לערנען. און מיר זאלן זוכה זיין אלע אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

*

**רבינו שליט"א** המשיך את ביקורו לבקר בבנין התלמוד תורה, ועבר אצל מלאכת הבני' להרחבת הבנין לתועלת התשב"ר, **רבינו שליט"א** האציל מברכותיו לחברי ההנהלה שיחי', ובמיוחד להנדיב הדגול הר"ר **מנחם מענדל שטיינער** הי"ו, שתשרה שכינה במעשה ידיהם מתוך ברכה והצלחה, לראות הכל על תילה בנויה לתפארת. – אחר כך עבר **רבינו שליט"א** לבקר בכל הכיתות בבנין התלמוד תורה, והתעניין על הלימודים בקורת רוח, ושאל שאלות בתוכן הלימודים מאת ילדי התלמוד תורה, והאציל מברכותיו על המחנכים והמלמדים שיזכו לראות ברכה בפרי עמלם לטובה.

בסיום הביקור התקיים החדר פירן ולימוד הא"ב כנהוג לנכד **רבינו שליט"א**, על ידי המלמד הרב **מרדכי יונה הכהן** שליט"א, כמו כן קראו הפסוקים המיוחדים שעל גבי העוגה (כמובא ברוקח ועוד). אחר שזימרו ניגוני שמחה וברכת לחיים, עברו כל ילדי התלמוד תורה לאחל ברכת מזל טוב **לרבינו שליט"א**.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** למאנסי לסידור קידושין אצל החופה של החתן **יעקב יוסף** נ"ו, בן הר"ר **בנימין זאב וואקסלער** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **הערש בער הירש** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת חי' שרה.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעור השבועי **באור החיים הק'** בבית מדרשנו זכרון יהודא.

*

***<u>שבת קודש פרשת שמות</u>***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** סיפר כמה סיפורים **מהרה"ק בעל התניא זי"ע** (לרגל היומא דהילולא ביום כ"ד טבת, ולא השמיע דברי תורה מפני ניטל הראשון). בברכת המזון נתכבד חדב"ן **הרה"ג רבי יואל הלברשטאם שליט"א** אב"ד טארניגראד.

אחר התפלה הגיע **רבינו שליט"א** לבקר אצל הר"ר **שמואל ישראל ניימאן** הי"ו.

בסעודה שלישית כיבד **רבינו שליט"א** את הר"ר **אברהם חיים שטערן** הי"ו בברכת המזון, לרגל היארצייט של אמו ע"ה.